בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**נשא**

**י"א סיון תשפ"ה**

די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:07 |
| מוצש"ק | 8:25 |
| ר"ת | 9:01 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:10 | סוז"ת א' | 9:39 |
| סוזק"ש ב' | 9:03 | סוז"ת ב' | 10:14 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קל"ז

שנה ג'

## טיב הפרשה

# נשא את ראש

## דער לימוד פאר יגיעה

די וואך פרשת נשא איז א וואך נאך שבועות, אין די וואך ווען כלל ישראל האט כאיש אחד ובלב אחד מקבל געווען די תורה פון סיני.

עס איז ידוע די ווארט פון צדיקים אז א שבת 'נאך' שבועות איז אויך 'נאך' שבועות, דהיינו אז די הארה פון שבועות איז נאך דא.

די ווארט זאגט מען נאך בשם הרה"ק רבי דוד משה מטשארטקאוו זי"ע וועלכע האט איבערגעדרייט דער 'נאך', אז עס מיינט נישט אז דער יום טוב איז שוין פארביי - אז עס מיינט אז עס איז נאך אלץ אין די יום טוב שבועות און איר הארה איז נאך ממשיך יעצט.

אז מען וועט נאכגיין דער אידישער לוח, וועט מען זען אז רוב יארן שטעלט זיך אויס אז די וואך 'נאך' שבועות ליינט מען די קריאה פון פרשת נשא און עס איז זיכער אז די קריאה האט א שייכות מיט די פרשה.

בדרך רמז האב איך געטראכט אז כידוע איז די קריאה פון פרשת נשא די לענגסטע קריאה אין די תורה. עס איז סיי א לאנגע קריאה און אויך די מפרשי התורה אויף איר זענען זייער לאנג, די זוה"ק אויף איר איז לאנג, אזוי אז עס שטעלט זיך ארויס אז אלעס אויף איר איז לאנג.

בדרך אפשר קען זיין אז דא ליגט א שטארקער דערהער, די תורה הק' וויל אז א איד זאל וויסן און געדענקען דער געדאנק אז די תוה"ק וואס מען האט יעצט מקבל געווען איז נישט קיין גרינגע זאך, אז עס פאדערט אסאך יגיעה.

דער יסוד איז וויכטיג אייביג, אבער בעיקר נאך דעם וואס מען האט מקבל געווען די תורה הק' און א איד האט זוכה געווען צו געהויבנקייט, ער האט געהאט א התעוררות, ער האט געשפירט א ווארעמקייט, אבער ער דארף וויסן אז יעצט קומט צוגיין די יגיעה, די פלאג, ווייל דאס איז וועג ווי אזוי מען איז קונה תורה, אז אן יגיעה ווערט מען נישט קיין תלמיד חכם.

דער געדאנק שטימט מיט דער באקאנטער מאמר חז"ל אין מסכת שבת [דף פח ע"א] אז

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

# שִׁפְלוּת און איר תּוֹעֶלֶת

זיבן יאר האט זיך הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זי"ע געגרייט צו זיין ערשטע נסיעה צו זיין רבי'ן דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע. אנקומענדיג צו אים, איז ער צוגעגאנגען פרייטיג צונאכטס צו נעמען שלום. האט אים דער רבי ר' אלימלך געפרעגט: ווער איז דער ערגסטער מענטש אין דיין שטאט? האט דער הייליגער לעלובער רבי דערמאנט דעם נאמען פון עפעס א מָסוּר וועלכער איז געווען באוואוסט אלץ א גרויסער רשע. דער ענטפער האט אבער נישט מוצא חן געווען ביים הייליגן רבי'ן ר' אלימלך, און ער האט נישט געוואלט נעמען שלום פון אים.

ביי די סעודה פון צפרא דשבתא, האט דער הייליגער רבי ר' אלימלך נאכאמאל געפרעגט זיין תלמיד: ווער איז דער ערגסטער מענטש אין אייער שטאט, האט דער לעלובער רבי נאכאמאל דערמאנט דעם נאמען פונעם מסור, אבער אויך יעצט האט מען געזען אז דער הייליגער רבי ר' אלימלך איז נישט צופרידן פון זיין ענטפער. ווען עס איז געקומען דער צייט פון שלש סעודות, האט אים דער הייליגער רבי ר' אלימלך נאכאמאל געפרעגט: ווער איז דער ערגסטער מענטש אין אייער שטאט? האט דער לעלובער רבי געוויזן אויף זיך זעלבסט און געזאגט: איך בין דער ערגסטער מענטש פון מיין שטאט! דער דאזיגער ענטפער האט באפרידיגט דער הייליגער רבי ר' אלימלך, און ער האט אים אויסגעשטרעקט זיין האנט צו נעמען שלום.

דערמיט האט דער הייליגער רבי ר' אלימלך פון ליזענסק געוואלט אויסלערנען זיין תלמיד, וועלכער איז געקומען צו אים כדי זיך צו דערנענטערן צו השי"ת, אז ווילאנג דער מענטש פילט נאך עפעס א צד פון 'ישות' ביי זיך אליין, קען ער נישט נתקרב ווערן צו השי"ת, וויבאלד יעדע ביסל 'ישות' אינעם מענטש קומט פון גיאות, און אויף דער וועלכער האט זיך גרויס זאגט דער אויבערשטער 'אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִים לָדוּר בְּמָדוֹר אֶחָד'. און כדי מען זאל זיין פאסיג צו נאנט ווערן צו השי"ת, ליגט א פליכט אויף יעדן איינעם צו מבטל זיין יעדן ביסל 'ישות' פון זיך, און מען זאל פילן און אנערקענען אז דאס איז טאקע דאס ערגסטע פון אלעס.

אט דער ענין ווערט אויך מרומז אין אנהייב פון אונזער פרשה, וואו דער אויבערשטער באפעלט פאר משה, "נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם", 'בְּנֵי גֵרְשׁוֹן' איז מרמז אויף די נידעריגע בחינה אין כלל ישראל, און זי ווערן אזוי אנגערופן אויפן לשון פונעם פסוק "כִּי גֵרְשׁוּנִי הַיּוֹם מֵהִסְתַּפֵּחַ בְּנַחֲלַת ה'", פאר אזעלכע מענטשן האט אויסגעפעלט אז משה רבינו זאל זיי מחזק זיין און מקרב זיין צום אויבערשטן, האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה, אז כדי זיי צו מקרב זיין, ליגט אויף זיי די עבודה פון 'גַּם הֵם', דאס מיינט אז פון 'גַּם', וואס דאס איז מרמז אויף א זאך וואס איז קענטליך, א 'יש', זאלן זיי מאכן די בחינה 'הֵם', ווייל ה"ם איז די זעלבע אותיות ווי מ"ה, וואס איז מרמז אויף שפלות און ביטול, א לשון פון 'וְנַחְנוּ מָה'.

ווייל דאס גיאות איז עפעס וואס האלט צוריק פון שטייגן, און נאר דורכן מבטל זיין דעם 'ישות' האט מען די מעגליכקייט צו נתעלה ווערן און אמת'דיג נאנט ווערן צו השם יתברך.

(עפ"י טיב השיחות – בהר)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

רב אבדימי בר חמא בר חסא האט געזאגט אז פון דער פסוק [שמות יט, יז] ויתיצבו בתחתית ההר לערנט מען ארויס אז הקב"ה האט כופה געווען אויפ'ן כלל ישראל די הר כגיגית און זיי געווארענט אם אתם מקבלים את התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם.

אלע פרעגן די קשיא, אז כלל ישראל איז דאך דאן געווען ברום המעלה, מען האט געהאלטן נאך א דונערדיגע געשריי פון 'נעשה ונשמע' און פארוואס האט אויסגעפעלט אז מען זאל כופה זיין אויף זיי די הר כגיגית.

נאר די תשובה איז, אז די צייטן זענען נישט אייביג גלייך, עס איז דא בעסערע צייטן, עס איז דא שוואכערע צייטן, עס איז דא צייטן ווען די עבודת ה' גייט, מען שפירט א טעם אין איר, און עס איז דא צייטן ווען מען שפירט אין איר א ביטערן שטיקיגן טעם, און קעגן די צייטן איז דא א הר כגיגית.

מענין לענין האב איך אינזינען געהאט אז עס קען זיין אויף דעם וועג נאך א בחינה.

אין די סדרה דערציילט מען די קרבן פון די נשיאים, אלע צוועלף שבטים האבן מקריב געווען די זעלבע קרבן. עס וואלט געקענט שטיין איינמאל אלע קרבנות, אבער די תוה"ק רעכענט אויס 12 מאל די קרבנות, יעדער קרבן באזונדער.

די הסבר דערצו איז די זעלבע. א מענטש איז מסוגל צו לערנען איינמאל א זאך, צוויי מאל, אבער עס ווערט אים שנעל נמאס דער לימוד, די תוה"ק וויל אז א איד זאל זיך איינגעוואוינען און לערנען צוועלף מאל א זאך, ער זאל דערהערן אז נאר מיט יגיעה קומען מען אן.

דער נושא האט אלעמאל געפאדערט חיזוק, אבער היינטיגע צייטן פאדערט זיך עס מער ווי אייביג. די היינטיגע וועלט איז א וועלט וואו עס איז כמעט נישט דא קיין יגיעה, אלעס איז צו די האנט, גרינג, אבער אז מען האט נישט קיין יגיעה, קומט מען נישט אן אין ערגעץ, מען דארף זיך צוגעוואוינען צו יגיעה, ווייל דאס איז דער שליסל צו הצלחה אין תורה און אין קדושה און צו אלע קנינים פון א איד אויף דעם עולם.

אין דעם כלל גייט אריין די יגיעה אויך ווען מען שפירט נישט קיין טעם אין די זאך ווייל ווען עס גייט מיט א צער, מיט אנשטרענגונג האט עס א חשיבות.

אין אבות דרבי נתן [פרק ג'. הלכה ו'] דרוקט ער זיך אויס בזה הלשון, אז יָפֶה אֶחָד בְּצַעַר מִמֵּאָה שֶׁלֹּא בְּצַעַר.

מען דערציילט אז אין די ישיבה פון חפץ חיים האט געלערנט א בחור וואס האט געהאט א שוואכע הבנה אין תורה. אין די צייט וואס אנדערע האבן געלערנט הונדערט בלאט האט ער געלערנט בלויז פיר בלאט א זמן.

אמאל איז ער געקומען צום חפץ חיים און זיך באקלאגט אז ער לערנט נאר 4 בלאט א זמן. ווען דער חפץ חיים האט עס געהערט האט ער א זאג געגעבן פאר דעם בחור אז ער לערנט דאך 400 בלאט.

דער בחור האט געמיינט אז דער חפץ חיים הערט נישט גוט און אים פארראכטן, אבער דער חפץ חיים האט אים פארראכטן אנווייזנדיג אויף דעם פרקי דרבי אליעזר אז איינמאל מיט צער איז ווי הונדערט מאל אן צער, און אויסגערעכענט אז לויט דעם קומט אויס אז יעדע בלאט וועגט איבער הונדערט בלאט שלא בצער און אז ער האט זוכה געווען צו לערנען פיר בלאט איז עס ווי פיר הונדערט בלאט.

דאס איז דער יסוד, די יגיעה, דער רבוש"ע וויל די יגיעה פון דעם איד, ווייל דאס ציילט מען אין הימל און דאס האט א חשיבות למעלה, און אז מען וועט זיך מתגבר זיין אין דעם וועט מען זוכה זיין אז די 'קבלה' פון די תורה וועט זיך האלטן ביי אונז אויף אייביג און מיר וועלן זוכה זיין לכתרה של תורה.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# א שליח פארביידע זייטן

עס דערציילט מורינו שליט"א:

עס איז געווען אין די שפעטע נאכט שעה'ן פון א מוצאי שבת, ווען איך האב זיך צוריקגעקערט מיט מיין משפחה פון מירון קיין ירושלים עיה"ק.

איך בין געקומען צוגיין מיט אסאך געפעק, מיר וואוינען אויף די צווייטע שטאק, עס קומט מיר אן שווער ארויפצושלעפן די פעקלעך, און דא שטיי איך אין גאס מיט שווערע פעקלעך.

עס איז צוויי אזייגער ביינאכט, און איך טראכט צו מיר: ווי אזוי געב איך זיך אן עצה דא. טראכטנדיג אזוי, האב איך באשלאסן אז כ'גיי טון וואס א איד טוט אין אזא צייט, איך וועל מתפלל זיין צום בורא כל העולמים ער זאל מיר העלפן.

דער רבוש"ע האט שוין זיינע וועגן און ער וועט זיכער העלפן.

עס איז אריבער געציילטע מינוטן און אט שטעלן זיך אפ צוויי בחורים. זעענדיג ווי מיר שטייען פארלוירן האבן זיי פארשטאנען וואס דא גייט פאָר, און זיך גלייך אנגעטראגן ארויפצושלעפן די געפעק צום צווייטן שטאק.

זיי האבן געענדיגט שלעפן די פעקלעך, און איך פרעג זיי: וואס גייט דא פאָר? וואס טוען זיי אזוי שפעט ביינאכט אין די גאס?

איינער פון זיי האט זיך אנגערופן אז זיין חבר איז זייער צוגעלייגט, ער איז אריבער א שווערקייט. עס איז שוין א לענגערע צייט וואס ער פרובירט אים צו שטארקן אבער עס גייט נישט. זעענדיג אז א קאר שטעלט זיך אפ האבן זיי א קוק געגעבן ווער איז אין די קאר און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דא גייט רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א.

"איך האב נישט מצליח געווען דיר מחזק צו זיין, אפשר וועט ער יא מצליח זיין".

מיר האבן זיך דערנענטערט און זעענדיג אז עס איז דא שווערע פעקלעך האבן מיר זיך אנגעטראגן עס ארויפצושלעפן.

איך האב זיך אוועקגעזעצט מיט'ן בחור און גערעדט מיט אים א שטיק צייט און ער איז ארויס פון דארט געשטארקט און אויפגעלייגט.

עס איז געווען א מחזה הוד צוזען ווי אזוי די השגחה עליונה האט צוגעפירט אז מיר זאלן זיך צוזאמענטרעפן אין די גאס, און אזוי ארום וועלן ביידע האבן וואס זיי דארפן צו האבן.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: מורינו הרב שליט"א]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים
מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה
ספוואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

אין ספר **דברי יחזקאל** פון הרב הקדוש **רבי יחזקאל שרגא משינאווא זצוק"ל**, ווערט געברענגט אין אונזער פרשה, ווי פאלגנד: "לִכְאוֹרָה קָשֶׁה, מַהוּ 'גַּם הֵם'. וְשָׁמַעְתִּי פֶּה קָדוֹשׁ מְדַבֵּר, מוֹרִי מו"ה **צְבִי הִירְשׁ הַכֹּהֵן זלה"ה מֵרוֹמְנָאב** 'מֹשֶׁה' נִקְרָא הַצַּדִּיק, עַל דֶּרֶךְ אוֹמְרָם ז"ל (שַׁבָּת קא.) מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאָמְרַתְּ, וְ'גֵרְשׁוֹן' הוּא לָשׁוֹן גֵּרוּשִׁין".

"וְהקב"ה מְדַבֵּר אֶל הַצַּדִּיק: 'נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ' בְּנֵי גֵרוּשִׁין – אֵלּוּ הַבָּנִים שֶׁהֵם בְּעֵינֵי עַצְמָם מְגֹרָשִׁים וּרְחוֹקִים מֵהַקְּדֻשָּׁה, נָשֹׂא אֶת רֹאשָׁם גַּם כֵּן, וְזֶהוּ 'גַּם הֵם'".

**"וְאָמַר, אֲשֶׁר הִרְגִּישׁ שֶׁהֵאִיר וְהֶעֱלָה נִשְׁמָתוֹ בְּאֵלּוּ הַדְּבָרִים"**, עד כאן לשונו הטהור.

פון זיינע הייליגע ווערטער לערנען מיר ארויס, דעם כח פון אט דעם שבת און דער כח פון די צדיקים, צו אויפהייבן דעם קאפ פון אידישע קינדער, און אויפהייבן זייער זעל און גייסט פון זייער שפלות, אפילו די 'בְּנֵי גֵרוּשִׁין', רח"ל. – 'גַּם הֵם', זיי אויך וועלן נתקרב ווערן מיט קִרְבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב.

און דער הייליגער שינעווער רב זצוק"ל איז מעיד, אז ווען ער האט זיך געפינען אום **'שַׁבַּת נָשֹׂא'** בצל קדשו פון הרה"ק רבי **הִירְשׁ מְשָׁרֵת** אין רימנוב זצוק"ל, **"האט ער מרגיש געווען אז ער האט באלויכטן און געהויבן זיין נשמה"**, מיטן כח פון **נְשִׂיאוּת רֹאשׁ** וואס איז פאראנען אינעם דאזיגן הייליגן שבת, און מיטן כח פונעם הייליגן צדיק.

און אין ספה"ק **אמרי פנחס** (שער ד שלהי אות שכ"ט) שטייט בזה הלשון: "וְאָמַר הוּא נ"י [הרה"ק **רבי פנחס קאריצער זצוק"ל**] עַל דָּבָר זֶה, הוּא מַה **שֶּׁעַל פִּי רוֹבָא דְּרוּבָּא חָל שָׁבוּעוֹת בְּפָרָשַׁת נָשֹׂא**, שֶׁיֵּשׁ רֶמֶז בְּפָרָשָׁה 'נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם', דְּהַיְנוּ **אֲפִילוּ הַנְּשָׁמוֹת הַמְגֹרָשִׁים וְהַמְרֻחָקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, הָיוּ לָהֶם עֲלִיָּה** – וְזֶהוּ בְּשָׁבוּעוֹת", עד כאן לשון קדשו.

אזוי אויך איז באוואוסט דאס צדיקים האבן געזאגט (געברענגט אין ספר קול מבשר ח"א פר' נשא ועוד): "שַׁבָּת נָאךְ שָׁבוּעוֹת, שַׁבָּת נָאךְ אַ שָׁבוּעוֹת" [ווייל נאך קען מיינען אז מען האלט שוין נאכדעם, אויך קען עס מיינען נאך־אלץ, און נאך איינס].

און אזוי איז עס אויך מרומז אינעם נאמען פון די פרשה, ווייל "נָשֹׂא" איז ראשי תיבות: "ש'בת נ'אך א'שבועות!

-> ◆ <-

די פאלגנדע וואונדערליכע מעשה, ווערט געברענגט אינעם הייליגן ספר **שיח שרפי קודש** (ערך ענוה ס"ק יז) מיט צוויי ערליי גירסאות און אין נאך הייליגע ספרים. – דא האבן מיר עס געברענגט לויט ווי עס שטייט דארט, און לויטן גירסט וואס **מורינו ורבינו שליט"א** האט עס דערציילט, לויט ווי עס איז מקובל ביי אים.

אין אט דעם טִיב הַמַּעֲשֶׂה וואס איר וועט ליינען, וועלן מיר לערנען איבער דאס התקרבות פון **הרה"ק רבי דוד'ל לעלובער זצוק"ל** צו חסידות. –

## נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ

"וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר. נָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן גַּם הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם" (ד, כב)

לויט ווי עס האט עס דערציילט החסיד המפורסם **מוהר"ר בן ציון פון אָסטראָווע זצ"ל**, וואס ער האט עס מקבל געווען מִפִּי קָדְשׁוֹ פון הרה"ק **דער רבי ר' העניך פון אלכסנדר זצוק"ל**.

-> ◆ <-

הרב הקדוש 'רבי דוד'ל לעלובער' איז געווען א געוואלדיגער עובד ה', און האט עוסק געווען בתורה ותפלה מיט א געוואלדיגע התלהבות כדרכו בקודש. ער פלעגט זיך מסגף זיין מיט שווערע סיגופים – אין די ווינטער פלעגט ער זיך וואלגערן אין די שניי, באוואוסט אלץ גִּלְגּוּל שֶׁלֶג, און אין די זומער טעג פלעגט ער זיך לאזן בייסן דורך די בייסנדע ווערים, באקאנט אלץ מיראָווקעס...

פאר פרנסה האט ער געהאט א געשעפט, און יעדן מאל וואס די קוֹנים פלעגן אריינקומען, פלעגט ער זאגן צו זאגן: פארוואס זאלט איר נישט גיין צום געשעפט פון די אלמנה מרת פלונית? עס איז דאך א מצוה איר צו שטיצן! און אזוי איז דער צדיק געגאנגען לְתֻמּוֹ, בדרך הישר והטוב.

אין א טאג, איז אנגעקומען צו זיינע אויערן די שמועה איבער 'חסידות', און ער האט זייער געוואלט וויסן וואס דאס איז. אט האט באגעגנט איינער פון די חסידים וועלכער איז נארוואס צוריקגעקומען, מלא שמחה און חִיּוּת הקודש, פון א 'נסיעה' צו זיין רבי'ן.

רבי דוד האט זיך געוואונדערט, פון וואו האט דער חסיד דאס באקומען. איז ער צוגעגאנגען צום חסיד און אים געפרעגט: וואס האסטו געהערט פון דיין רבי'ן? האט דער חסיד געענטפערט, אז דער רבי האט געזאגט תורה מיט גרויס פלאם, בְּאֵשׁ לֶהָבָה, אויף די שטראף־רייד פון ירמיהו הנביא ע"ה (ב, כא-כב): **"כִּי אִם תְּכַבְּסִי בַּנֶּתֶר, וְתַרְבִּי לָךְ בֹּרִית נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי נְאֻם ה' אֱלֹקִים. אֵיךְ תֹּאמְרִי לֹא נִטְמֵאתִי, אַחֲרֵי הַבְּעָלִים לֹא הָלַכְתִּי, רְאִי דַרְכֵּךְ בַּגַּיְא, דְּעִי מֶה עָשִׂית"** וגו'.

איז דער רבי ר' דוד'ל שטארק דערציטערט געווארן הערנדיג די ווערטער, און האט געפרעגט מיט שרעק: וואו געפינט זיך אט דער צדיק?

**"אין ליזענסק"**! – איז געקומען דער פייערדיגער ענטפער פונעם חסיד.

תיכף ומיד האט זיך רבי דוד ארויסגעלאזט אויף א נסיעה קיין ליזענסק, צום הייליגן **נועם אלימלך זי"ע**.

ווען ער איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן ר' אלימלך, האט דער הייליגער צדיק גערעדט צו אים מיט א פייערדיגע שטימע און אים געפרעגט: **"ווער איז דער ערגסטער מענטש צווישן אלע אידן פון לעלוב"**?

רבי דוד איז געבליבן שטיין פארוואונדערט. צו אזא פראגע האט ער זיך נישט געראכטן... און וויבאלד ער האט געקענט אלע אידן פונעם קליינעם שטעטל לעלוב, האט ער פונקטליך געוואוסט ווער איז אט דער מענטש... מיט זיין חכמה האט ער פארשטאנען אז ווי פארשטענדליך איז דא נישט פאראנען קיין איסור פון 'לשון הרע' חלילה, וויבאלד עס איז זיכער לתועלת, ווייל דער הייליגער רבי וויל אים צוריקברענגען בתשובה שלמה, און נישט אומזיסט אינטערעסירט זיך דער רבי אין אים.

[ווי מיר ווייסן, איז דער הייליגער שטייגער פונעם צדיק געווען, צו צוריקברענגען יעדן זינדיגן בתשובה שלמה, און אפילו בלויז מיט א בליק וואס ער האט געקוקט אויף איינעם, האט ער שוין געמאכט אן איבערקערעניש אין זיין נפש. אזוי ווי עס שטייט אינעם ספה"ק **תולדות אדם** (פרשת שלח) וזה לשון קדשו: "כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ עַל **הָרַב רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה**, כְּשֶׁהָיָה מַבִּיט עַל אִישׁ שֶׁבָּא אֵלָיו, נֶהְפַּךְ הָאִישׁ תֵּכֶף לְאִישׁ אַחֵר", עד כאן לשון קדשו].

האט רבי דוד געענטפערט: לויט ווי עס זעט מיר אויס, לעניות דעתי, איז **דער שניידער פון לעלוב** דער ערגסטער, וויבאלד ער ווערט נכשל רח"ל בחמורות שבחמורות, און מען דארף אים מחזיר בתשובה זיין.

**"און ווער איז דער ערליכסטער איד אין לעלוב"**? – האט דער הייליגער נועם אלימלך ווייטער געפרעגט.

יעצט איז שוין רבי דוד נאכמער פארוואונדערט געווארן. ער איז געבליבן שטיל, און האט אנגעהויבן צו טראכטן צו זיך: וואס ענטפערט מען אויף אזא פראגע? ער קען דאך גוט די מענטשן פון זיין שטאט... וואס זאל ער דען זאגן פארן צדיק, אז ער זעלבסט איז דער ערליכסטער איד פון זיין שטעטל? דאס איז דאך גאוה!

און אזוי ווי ער איז דארט געשטאנען און געטראכט, איז דער הייליגער רבי פלוצלונג צוטרייסלט געווארן, און האט שטרענג באפוילן דעם מְשַׁמֵּשׁ, אז ער זאל אים שוין ארויסנעמען פון דארט! דער משמש איז געווען געצוואונגען צו מקיים זיין דער באפעל פונעם רבי'ן, טראצדעם וואס ער האט געזען אין פארנט פון אים אן איש צורה, וועלכער האט אויסגעזען ווי גאר א געהויבענער תלמיד חכם, פונדעסטוועגן האט ער געמוזט פאלגן דעם באפעל פונעם רבי'ן, און דעריבער האט ער אנגעכאפט רבי דוד מיט זיין האנט, און האט אים גלייך ארויסגעטריבן אינדרויסן! [אזוי ווי עס איז באוואוסט דער דרך פון געוויסע גאר געהויבענע צדיקים, צו מאכן המתקת הדינים און זיכוך הנפש, פון מאל צו מאל, אויף אזא שטייגער, און

| המשך אין עמוד ד' |>

אזוי איז אויך געווען דער מנהג פון הרה"ק בעל **דברי חיים מצאנז זצוק"ל**, און נאך צדיקים].

מיט א צובראכן און צוקלאפט הארץ, איז רבי דוד ארויסגעגאנגען און האט זיך געדרייט איבער די גאסן פון ליזענסק, נישט וויסנדיג וואס מען טוט יעצט. ער איז דאך אהערגעקומען כדי צו מקבל פנים זיין דעם רבי'ן, טראכטנדיג אז ער וועט קענען רעדן אביסל אין לערנען, מעגליך וועט ער זוכה זיין צו הערן עפעס א דבר תורה און א גוטן חידוש פונעם רבי'ן, און אפשר וועט ער קענען אביסל מוסיף זיין דערויף, וויבאלד זיינע געוואלדיגע אוצרות התורה זענען געווען זייער גרויס און פארצווייגט... – און יעצט טרעפט ער זיך דא ארויסגעווארפן בְּבֹשֶׁת פָּנִים, אן צו זוכה זיין צו קיין שום קירוב, און וויאזוי וועט ער יעצט נאכאמאל פראבירן צו צוגיין אֶל הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה?




ווען עס איז געקומען שלש סעודות פון שבת קודש, האט ער געטראכט צו זיך, אז מעגליך יעצט, בשעת'ן פראווען דער זמן פון רַעֲוָא דְרַעֲוִין אן קיין ליכט [אזוי ווי עס איז איינגעפירט ביי אסאך קהילות אין כלל ישראל], איז א פאסיגער צייט זיך אריינצושטופן שטילערהייט צווישן די חסידים, און אזוי וועט מען אים נישט באמערקן. און ער האט באשלאסן ביי זיך, אז אויך אויב מען וועט אים באמערקן, און דער רבי וועט נאכאמאל הייסן די משמשים אז מען זאל אים פארטרייבן – וועט ער נישט נתפעל ווערן דערפון! אפילו אויב דאס וועט זיין לְעֵינֵי קָהָל וְעֵדָה! ווייל ווי עס זעט אויס ווייסט דער צדיק אז אזוי איז פאסיג, צו פארטרייבן איינער וועלכער איז פוסט און ליידיג אזוי ווי מיר!

און אזוי האט זיך רבי דוד'ל שטילערהייט אריינגעכאפט אינעווייניג, זייענדיג מיט א געוואלדיגע שפלות ביי זיך אין הארץ, פול מיט ווייטאגליכע געדאנקען איבערן מצב פון זיין נפש און נשמה, טראכטנדיג צו זיך: וויאזוי ווערט מען נתקרב צום אמת? וויאזוי ווערט מען נאנט צום אויבערשטן און צו זיינע קנעכט די צדיקים?

ווען ער איז אנגעקומען אינעווייניג, האט ער זיך גלייך אריינגעשטופט אין א ווינקל, מיט גרויס בושה. דער רבי האט דעמאלטס געהאלטן אינמיטן זיינע הייליגע פלאמעדיגע דיבורים, און אזוי האט רבי דוד'ל געהערט ווי דער רבי שרייט ארויס אינמיטן זיינע הייליגע ווערטער, ווי פאלגנד: **"אפילו אויב א מענטש איז עוסק בתורה ועבודה טאג און נאכט מיט התלהבות, אויב ער מיינט איין האָר זיך, איז 'שְׁאוֹל תַּחְתִּית' וויייניג"!**

די ווערטער האבן אריינגעדרינגען אינעם הארץ פון רבי דוד'ל און האבן צוטרייסלט זיין נפש. ער איז דערנאך געזעצן א גאנצער נאכט מיט געוואלדיגע בכיות און הייסע טרערן, מיט גרויס תשובה און חרטה. ער האט צוביסלעך אנגעהויבן צו פארשטיין עַד הֵיכָן הַדְּבָרִים מַגִּיעִים! וויפיל דארף א מענטש אנטלויפן ווי פייל פון בויגן פון די פארשטינקענע גאוה רח"ל, אז ער זאל נישט אלעמאל טראכטן וועגן זיין אייגענע טובה און וויאזוי צו ווערן גרויס, ווי 'גרויס' ער איז, אפילו ווען עס האלט שוין ביי דעם אז ער 'שטייגט' אין תורה און עבודה יוֹמָם וָלַיְלָה... – נאר ער זאל אלעמאל טראכטן לַעֲשׂוֹת רְצוֹן קוֹנוֹ, **לַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ!** און די שכינה הקדושה איז דאך נישט באוויליגט פון תורה און תפילה וואס טראגן מיט זיך געדאנקען פון גֵאוּת, וויבאלד אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִין לָדוּר (סוטה ה.), נאר השי"ת באוויליגט און טוט רוען אֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ (שם).

אזוי איז רבי דוד געזעצן און געטראכט צו זיך געדאנקען פון שפלות און ענוה, און האט זיך בארעכנט – ווער ווייסט דען וויפיל שווערע און ביטערע נסיונות זענען דורכגעגאנגען אויף יענעם שניידער, מיטן פייער פונעם יצר הרע וואס ברענט אין אים, ביז ער איז אנגעקומען דארט וואו ער איז אנגעקומען... און אויב איך בין געבוירן געווארן צו צַדִּיקֵי עֶלְיוֹן, זייענדיג א קָדוֹשׁ מֵרֶחֶם, פאדערט מען דאך אוודאי פון מיר אסאך מיר, וויבאלד דער אויבערשטער איז מְדַקְדֵּק עִם צַדִּיקִים כְּחוּט הַשַּׂעֲרָה! (ב"ק נ.), און אזוי איז ער געווארן פארנומען מיט פילע מחשבות אנערקענענדיג שִׁפְלוּת עַצְמוֹ.

אויפצומארגנס אינדערפרי, נאך א גאנצער נאכט פול מיט איבערקערענישן און שטורעמישע געדאנקען אינעם נפש, איז ער אריינגעגאנגען צום רבי'ן מיט א צובראכן הארץ, און האט אנגעהויבן צו וויינען און זיך פארענטפערן אויף די מחשבות וואס ער האט געהאט איבער זיך זעלבסט, אלץ אן ערליכער מענטש, אינדערצייט וואס ער איז געווען דארט פאר שבת קודש.

"איך האב זיך נאכאמאל איבערגעטראכט", האט רבי דוד ערקלערט, "איך האב זיך איבערגעטראכט מיין חשבון הנפש און איך בין אנגעקומען צו די מסקנא, אז **דורכאויס די צייט וואס איך דער שָׁפֵל געפינט זיך דא אין ליזענסק, איז מעגליך אז דער שניידער איז דער שוואכסטער ווענמען מען דארף אויפהייבן, אבער ווען איך בין אין לעלוב, איז קיין שום ספק נישט אז איך בין דער שוואכסטער און דער מערסטער דערווייטערט"!**

ווען דער הייליגער רבי ר' אלימלך האט דאס געהערט, האט זיין הייליג געזיכט געשיינט פון שמחה. ער האט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול, און ער האט געזאגט מיט א לעכטיגן געזיכט: **"שלום עליכם רבי דוד"**, און האט אים מקרב געווען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת. פון דעמאלטס און ווייטער איז ער געבליבן מקושר מיט הארץ און זעל בְּחַצְרוֹת בֵּית ה', און ער האט זוכה געווען אז עס איז ארויסגעקומען פון אים א פראכטפולע שלשלת, א וואונדערליכער גאלדענער קייט, דורי דורות פון צדיקים עליונים, לדורות עולם.

-> ◆ <-

**בנָשֹׂא אֶת רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן!** – צו באלייכטן און צו דערהייבן די קינדער וועלכע זענען אין זייערע אויגן פארטריבן און דערווייטערט פון די קדושה! און 'גַם הֵם', אויך זיי וועלן זוכה זיין זיך צו דערהייבן און נתקרב ווערן צו די קדושה, צוזאמען מיטן גאנצן אידישן הויזגעזינד, אמן.

די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com
יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.
Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173